# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:23
מוצאי שב"ק......................5:55

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............דברי הימים ב י"ט-כ'
בבלי......................סנהדרין י"ח
ירושלמי.................שקלים כ'
תוספתא...............תרומות ט'
רמב"ם.............טומאת צרעת ג'

פרשת ויגש, ד' טבת, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 14 (682)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס וָוארְט וְעַתָּה מֵיינְט תְּשׁוּבָה. דַארְף מֶען פַאַרְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט וְעַתָּה מִיט תְּשׁוּבָה?

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף אַסאַךְ פְּלֶעצֶער, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ גֶעדֶענְקְט מֶען אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּארְגֶעסְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְן, אַ גְרוֹיסֶער חִסָרוֹן, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה. וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעהַאט בִּלְבּוּלִים פוּן זַאכְן וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ. אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר זִיךְ אַלְץ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי.

דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שָׁם) אַז עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וִוי נָאר אַ זַאךְ גֵייט אַרִיבֶּער, גֵייט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן זַיין קָאפּ, עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס פְלֶעגְט בֶּעטְן פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים עוֹבְדֵי ה' זֵיי זָאלְן אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה וֶוען זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז וָתִיקִין. מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זֵיי זָאגְן: "אִיךְ בִּין אוֹיף, אִיךְ קוּם שׁוֹין", אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיז'ן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אִיךְ וֶועל 'פוּן יֶעצְט' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זֵייעֶר כִיטְרֶע, עֶר קוּמְט צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶע מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט'ן יֵצֶר הָרָע, קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע מִיטְל, מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג מִיר צוּ צֶעבְּרֶעכְן"; אָבֶּער וִוי גְרוֹיס, קְלוּג אוּן כִיטְרֶע עֶר אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן, אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, קוּקְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע דֶעם שְׁלֶעכְטְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער מֶדְרָשׁ אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה; וְעַתָּה - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. וְעַתָּה, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, אַל תֵּעָצְבוּ - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם - דוּ וֶועסְט זֶען אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תש"פ)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר אֵיינְמָאל גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. "אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?!" - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין וַוייבֶּער שׁוּל מִיט אַ תְּהִלִים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִים בִּיז קַאפִּיטְל נ', אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ'ן לֵייטֶער עֶר אִיז אָבֶּער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין עֶר אִיז אָבֶּער נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וִוי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג טַאנְצְן, אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט בַּיינַאכְט אִין בֶּעט אַז עֶר הָאט נָאךְ הַיינְט נִישְׁט גֶעטַאנְצְן – אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן בֶּעט אוּן גֶעטַאנְצְן אַ קְלֵיינֶע רְקִידָה'לֶע פַאר זִיךְ, אַזוֹי חָשׁוּב אוּן וִויכְטִיג אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דָאס טַאנְצְן, וַוייל דָאס אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן י).

אֲפִילוּ אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּיְשָׁן, וָואס שֶׁעמְט זִיךְ צוּ טַאנְצְן צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן – קֶען טַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס לֶעבְּט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס לֶעבְּט אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ, וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים נָאכְמִיטָאג, צוּ כַאפְּן אַ רְקִידָה'לֶע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ה)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי וַוייבּ וַוארְפְט צוּרִיק דִי מַתָּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, נָאר דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן, נָאר דָאס אִיז תַּכְלִית. נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועסְטוּ מִיט נֶעמֶען מִיט דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

הֶער אוֹיס וָואס צַדִיקִים זָאגְן, נָאר דִי צַדִיקִים וֵוייסְן וָואס אִיז תַּכְלִית אוּן וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. הֶער אַ מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז דָאקְטֶער לַאנְדָא פוּן אוּמַאן אַרַיין צוּ רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט פוּן תַּכְלִית, עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ וָואס רֶבִּי נָתָן רֶעדְט, "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד" (אִיּוֹב ה, ז), מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט, נָאר תּוֹרָה וּתְפִילָה אִיז תַּכְלִית, נָאר דָאס אִיז וֶוערְד, נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דר. לַאנְדָא טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס וֵוייסְט דֶען רֶבִּי נָתָן וָואס מֵיינְט גוּט אַז עֶר רֶעדְט פוּן גוּטְס? וֵוייסְט עֶר דֶען וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין, אִיךְ הָאבּ הַיינְט פַארְדִינְט גְרוֹיס גֶעלְט, אוּן גֶעקוֹיפְט אַ טֵייעֶרֶע צִירוּנְג פַאר מַיין וַוייבּ, וָואס הָאט דֶען רֶבִּי נָתָן אֲפִילוּ אַן אַנוּנְג וָואס גוּטְס מֵיינְט?' אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט וַוייטֶער: "אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְדִינֶען גֶעלְט אוּן אֲפִילוּ קוֹיפְן אַ טֵייעֶרֶע צִירוּנְג פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן גֶעבְּט אִיר דִי מַתָּנָה, אוּן זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, עֶס וֶוערְט אַ גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶה פוּן דֶעם, עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּן שְׁטוּבּ אוּן זוּכְט נָאר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען", דר. לַאנְדָא טְרַאכְט: 'אַ בַּטְלָן דֶער רֶבִּי נָתָן, וָואס רֶעדְט עֶר? וָואס וֵוייסְט עֶר?!'

לְמַעֲשֶׂה אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, דֶער דָאקְטָאר לַאנְדָא אִיז אַהֵיים, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעקוֹיפְט, אוּן זִי הָאט דָאס נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט. עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ קְרִיגֶערֵיי צְווִישְׁן זֵיי, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן אַזוֹי בִּיטֶער אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ הַרְגְ׳עֶנֶען. עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן גֶעזָאגְט: "אֵיי וִוי גוּט הָאט אִיר צוּגֶעטְרָאפְן; פּוּנְקְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט בֵּיי מִיר פַּאסִירְט", רֶבִּי נָתָן הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ הַרְגְ׳עֶנֶען.

נֶעם נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט צוּ קוֹיפְן מֶער מַתָּנוֹת וְכוּ׳; קוֹיף יָא מַתָּנוֹת פַאר דַיין וַוייבּ, אָבֶער נָאר אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר צֵייטְוֵוייליגֶע זַאכְן, עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט גָארְנִישְׁט; נָאר תּוֹרָה וּתְפִילָה, נָאר חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת - דָאס בְּלַייבְּט, דָאס אִיז נִצְחִיוּת.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן אָנְהוֹיבְּן פְרִישׁ אִינְוֶועסְטִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אִינְוֶועסְטִירְן אִין שִׂמְחָה; טַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶעמֶען; דִי מַאן פַאר דִי וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ פַארְן מַאן, אוּן בֵּיידֶע פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין קַארְג בַּיים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן מֶען דַארְף מַחְמִיר זַיין, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער - זָאל מֶען עֶס גֶעבְּן, בַּאגִיסְן יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער דָאס אִיז דִי גֶעזוּנְטֶעסְטֶע זַאךְ, דָאס מַאכְט זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

לו. מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל, גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו. וֶוער עֶס הָאט אַ שׁוּל אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אַרַיין אַהִין דַאוֶוענֶען, מַאכְט עֶר גָלוּת לַיידְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

לז. עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל. אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ, סַיי אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

<<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶענְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!". דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס"ב לפ"ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעווָאוֹינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר׳ לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִיקִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אַ צַדִיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי׳ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב", אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען "א׳ סְלִיחוֹת", אִיז ר׳ לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלִיגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָונָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, וִוי "עֲנֵנִי ה׳ עֲנֵנִי" "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל הָאבְּן גֶעזֶען דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר׳ לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְרִישֶׁער צַדִיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער צַדִיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג. נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן רֶבִּי זַלְמָן אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַ שְׁטִיק צַייט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז דֶער עִיקָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען בְּלַייבְּן דָארְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פְרַייטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּזַאמֶען מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף שַׁבָּת אוּן שׁוֹין בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי׳ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג". פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי׳ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פֵייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!" עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט. רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר אִיז מוֹרָא׳דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דָארְטְן.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן פְּרִיוַואט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס צוּ טוּן, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ׳ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט:

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

"און וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד". דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַז עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'עֶר גוּטֶער חַבֶר.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס הַארְץ וִוי אַ פֵייעֶר, דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים, וָואסֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת און שְׁוֶועריקֵייטְן, סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן; וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן און אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. און פוּן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן מְקוֹרָב און דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג. און רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן לֵיידִיג, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְנְדִיג פַאר אִים אַלֶעס וָואס אִיז אִים גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ.

(סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קפח)

### תרלח

נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זִיךְ שׁוֹין צֶעגַאנְגֶען, עֶס זֶענֶען נָאר גֶעבְּלִיבְּן רֶבִּי נָתָן און דֶער אֵיידֶעם פוּן רֶבִּי'ן ר' יוֹסְקֶע, הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם.

עֶר זֶעט וִוי עֶס גֵייעֶן פִילֶע סָאלְדַאטְן, אַ רִיזִיגֶע צָאל מִילִיטֶער, און נָאךְ זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעפְלוֹיגְן אַסַאךְ פֵייגְלֶעךְ, גָאר אַסַאךְ פֵייגְלֶעךְ, גוּזְמָאוֹת פוּן פֵייגְלֶעךְ.

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן אִים פַארְוָואס דִי פֵייגְלֶעךְ פְלִיעֶן דָא נָאךְ, הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט אַז זֵיי גֵייעֶן הֶעלְפְן דִי סָאלְדַאטְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי דִי פֵייגְלֶעךְ גֵייעֶן זֵיי הֶעלְפְן, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי פֵייגְלֶעךְ לָאזְן אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַ גֶעוִויסֶע נַאסְקֵייט, און דִי פְלִיסִיגְקֵייט מַאכְט אַז דִי פַּיינְט זָאל פַארְטִילִיגְט וֶוערְן, און מִיט דֶעם הֶעלְפְן זֵיי דִי מִילִיטֶער.

עֶס אִיז אִים אָבֶּער שְׁוֶוער גֶעוֶוען דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל דִי פֵייגְלֶעךְ לָאזְן דָאךְ אַרָאפּ דִי נַאסְקֵייט דָא אוֹיף דֶעם פְּלַאץ, און דָא גֶעפִינֶען זִיךְ דָאךְ דִי סָאלְדַאטְן פוּן דִי זַייט, און דָאס קֶען זֵיי דָאךְ אוֹיךְ שָׁאטְן.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דִי פֵייגְלֶעךְ הוֹיבְּן זִיךְ אָן אַרָאפְּצוּלָאזְן בִּיז זֵיי קוּמֶען אַלֶע אָן אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי סָאלְדַאטְן אוֹיף דֶער עֶרְד, און זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין מוֹיל עֶפֶּעס פוּן דֶער עֶרְד; דִי זַאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אִין מוֹיל אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ רִינְדֶערְכִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עֶסְנְוַוארְג.

עֶר הָאט וַוייטֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, וִוי אַזוֹי וֶועלְן דִי פֵייגְלֶעךְ קֶענֶען נָאכְגֵיין דִי מִילִיטֶער אוֹיף דֶער עֶרְד, בַּיים גֵיין אוֹיף דֶער עֶרְד גֵייעֶן מֶענְטְשְׁן שְׁנֶעלֶער וִוי פוֹיגְל, און וָואס זֶענֶען דִי זַאכְן וָואס זֵיי נֶעמֶען אִין מוֹיל פוּן דֶער עֶרְד?

הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דִי זַאכְן וָואס זֵיי נֶעמֶען אִין מוֹיל, פוּן דֶעם וֶוערְט גֶעמַאכְט דִי פְלִיסִיגְקֵייט וָואס הַרְגְ'ט דִי פַּיינְט, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, און ווָאוּ זֵיי לֵייגְן אַלְץ אַרָאפּ דִי פְלִיסִיגְקֵייט, מַאכְט דָאס אַז דִי פַּיינְט זָאלְן

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר?



*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ וַוארְטְן, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּ דִי סְגוּלוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִיתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת משֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בֵּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה), און וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאגְן דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים" זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִילָּה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל און גְרִינְג און נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוּיל און עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם און צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, און הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן און רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת און אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוּיל און עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט און אִיךְ וַוארְט און אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, און דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חַזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, און דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, און אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין און וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד, און אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, און יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, און מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן און נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! וִוי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט און דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט און נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל און אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס און אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. און דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל

<<<<<<

לעבנס געשיכטע פון רבי'ן <<<<<<

פַארְטִילִיגְט וֶוערְן אוּן שְׁטַארְבְּן סַיי וואו זֵיי זֶענֶען נָאר.

דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט, "דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאךְ אַסַאךְ קַשְׁיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט יֶעצְט אַלֶעס".

עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ אוּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע טִיר, עֶר אִיז דָארְט אַרַיין אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין שׁוּם פֶּענְסְטֶערְס אִינֶעם צִימֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ טוּנְקְל, עֶר אִיז אַרַיין דָארְט זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן.

אִינְצְווִישְׁן הָאבְּן דִי פֵייגְלֶעךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דָארְט אַרַיינְצוּפְלִיעֶן, עֶר הָאט זֵיי פְּרוּבִּירְט אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן מִיט דִי הַאנְט, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אִינְדְרוֹיסְן אַ קַאץ, אוּן פֵייגְלֶעךְ אַנְטְלוֹיפְן גֶעוֶוענְלִיךְ פוּן קֶעץ, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע אַרַיינְגֶעפְלוֹיגְן אִין דֶעם צִימֶער, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט נָאר פְּרוּבִּירְט זֵיי צוּ פַארְטְרַייבְּן הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, צוּלִיבּ דֶעם קַאץ וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען.

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען אַהֶער, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען אַהֶער צוּ הָאבְּן פָּאקִין, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דִי אֵייטֶער פוּן דִי פָּאקִין אִיז דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע פְלִיסִיגְקֵייט וָואס הַרְגְ'ט דִי פַּיינְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אַז זֵיי קֶענֶען דָאךְ אַלֵיין שְׁטַארְבְּן פוּן דִי פָּאקִין, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, זֵיי שְׁטַארְבְּן טַאקֶע פוּן דֶעם, אוּן פוּן דִי פִילֶע נְבֵילוֹת וָואס בְּלַייבְּן דָארְט, דָאס פַארְפֶּעסְטִיגְט דִי פְּלַאץ, אוּן פוּן דֶעם שְׁטַארְבְּט מֶען.

עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן דִי נְבֵילוֹת, וַוייל עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען גָאר אַ רִיזִיגֶע צָאל פֵייגְלֶעךְ. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען דִי פָּאקִין, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּרִיק אוֹיסְגֶעהֵיילְט דֶערְפוּן, זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

אֵיין פוֹיגְל פוּן זֵיי אִיז גֶעפְלוֹיגְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן אַלֶע פֵייגְל זֶענֶען אִים נָאכְגֶעפְלוֹיגְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעשְׁרֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט "מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב", אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיגְן "מַזָל טוֹב".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

שו"ת ברסלב <<<<<<

נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֶם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל
הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן
הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ה)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק פעלדמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו בלומינג גראוו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **ישראל יאזשעף** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **דוד שמעון לעווינזאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **הערשי בוים** הי"ו טבריה
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שמשון הערש טייטלבוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון**
הבחור **משה יוסף** הי"ו

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע שבת חנוכה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל

גאר א הערליכע שבת קודש האבן אנשי שלומינו מיטגעלעבט דעם שבת חנוכה, ווען מען האט אפגעראכטן דעם געהויבענעם שבת חנוכה אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין קרית ברסלב ליבערטי. דער ראש ישיבה שליט"א איז שוין אנגעקומען אין שטעטל אום מיטוואך נאכט, און די וועכנטליכער ליל שישי שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך שוין געגעבן אין שטעטל, גאר א שיינע שיעור, מיט גאר שיינע התחזקות און עצות פאר'ן לעבן, מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף די "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע.

ווי באקאנט ווען דער הייליגער רבי האט געלעבט איז מען זיך צוזאמגעקומען ביים רבי'ן דריי מאל א יאר, אויף ראש השנה, שבת חנוכה, און יום טוב שבועות. איידער דער הייליגער רבי איז נסתלק געווארן האט ער אונז אנגעזאגט אז מיר זאלן ווייטער קומען צו אים אויף ראש השנה, און דערפאר פארן טאקע אזויפיל צענדליגע טויזענטער אידן יעדעס יאר קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אבער אויף די אנדערע צוויי צייטן פירט מען זיך אז מען קומט זיך צוזאם מיט אנשי שלומינו צו דאווענען אינאיינעם מיט ברסלב'ע חסידים, און מיט דעם איז מען ביים הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה האט געדאווענט אלע תפילות אין די האשקי שול, קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אנגעווארעמט יעדנ'ס הארץ, אויך אינדערפרי איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צו שחרית, און געדאווענט א ווארעמע הלל מיט גרויס געשמאק. אין לויף פונעם שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט איבערגע'חזר'ט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, אנגעצינדען א פרישע חיות און ברען צו דינען נאר דעם אייבערשטן, און ווי אזוי מען האבן אזא גוטע און געשמאקע לעבן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אז מען הערט זיך צו צום הייליגן רבי'ן. דער גאר הערליכער שבת וועט זיכער בלייבן אין דיביינער פון אלע באטייליגטע אויף גאר א לאנגע צייט.

מוצאי שבת איז פארגעקומען א הערליכע מלוה מלכה פאר'ן גאנצן ציבור, מען האט זיך געוואשן צו א שיינע סעודה, מען האט געזינגען זמירות און מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א האט ווידער גערעדט דברות קודש, אויפצופלאמען אונזערע הערצער מיט'ן ליכטיגן שיין פון הייליגן רבי'ן, ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט "מיין פייער וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען", דעם רבינ'ס עצות און חיזוק האבן די כח אויפצולייכטן יעדע אידיש הארץ, ווער עס איז נאר ווילig זיך צוצוהערן דערצו און עס פרובירן צו פאלגן.

זונטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבערגעקומען באזוכן אלע קלאסן אין תלמוד תורה, דער ראש ישיבה שליט"א האט געטיילט חנוכה געלט פאר אלע קינדער, און גערעדט אפאר ווערטער פאר יעדע קלאס באזונדער לויט זייער דרגא, מען וועט עס אי"ה קענען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע.

## חיזוק פון גמרא

**יעדן טאג נאכ'ן פארלערנען דעם בלאט גמרא, הערט מען גאר שיינע שמועסן פונעם ראש ישיבה שליט"א**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >